**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/17/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פייערט ניו יארק'ס סטעיט-ברייטער באצאלונג אפנקייט געזעץ אזוי ווי היסטארישער געזעץ גייט אריין אין קראפט**

***געזעץ פארלאנגט פון ארבעטסגעבער מיט פיר ארבייטער אדער מער צו ארייינשרייבן די מינימום און מאקסימום יערליכע געהאלט אדער באצאלונג פער שעה אין סיי וועלכע דזשאב רעקלאמע***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס פארפליכטונג צו שטיצן און באפולמעכטיגן ניו יארקע ארבייטער***

***תקופה פאר פובליק צו קאמענטירן יעצט אנגעהויבן פאר פארגעשלאגענע רעגולאציעס פאר דעם נייעם געזעץ***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געפייערט ניו יארק'ס היסטארישער באצאלונג אפנקייט געזעץ וואס גייט היינט אריין אין קראפט. די היסטארישע ביל וואס גאווערנער האקול האט אריינגעשריבן אין געזעץ לעצטע יאר פארלאנגט ביזנעסער אריבער ניו יארק סטעיט מיט פיר ארבייטער אדער מער צו ארייינלייגן פון וויפיל ביז וויפיל זיי באצאלן אין אלע רעקלאמעס פאר דזשאבס, פעדערונגען און טראנספער געלעגנהייטן. דער געזעץ שטרייכט אונטער ניו יארק'ס פארפליכטונג צו אדרעסירן אומגלייכקייטן אין געהאלט און צו שטופן פאר אפנקייט אין באצאלונג סטאנדארטן אריבער די סטעיט, און עס בויט ארויף אויף די גאווערנער'ס צוזאג צו שטיצן און באפולמעכטיגן ארבייטער.

"מיט דאס אריינגיין אין קראפט פון אונזער באצאלונג אפנקייט געזעץ געפונט זיך ניו יארק ווידעראמאל ביים שפיץ פון שטופן פאר יושר און גלייכקייט אין די ארבעטספלאץ", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אומגלייכע געהאלטן האבן פארטיפט די אומגלייכקייט אין אונזער סטעיט פאר צו לאנג און געלייגט צאללאזע ארבייטער – באזונדערס פרויען און מינאריטעטן – אויף די אונטערהאנט. איך בין שטאלץ געווען צו אונטערשרייבן די ביל צו העלפן אויסגלייכן די געלעגנהייטן פאר יעדן אריבער אונזער סטעיט, און איך וועל פארזעצן צו ארבעטן מיט די לעגיסלאטור אויף לייזונגען צו שטיצן, באשיצן און באפולמעכטיגן ארבייטער ביז מיר עלימינירן ענדליך די חילוקים אין געהאלט אין ניו יארק."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט (New York State Department of Labor, NYSDOL) קאמישאנער, ראבערטאָ ריערדאן, האט געזאגט,** "אפנקייט מיט באצאלונג איז נישט בלויז אן עניין פון נומערן — עס איז אן עניין פון יושר, באפולמעכטיגונג און די אנערקענונג פון די ווערט פון יעדער מענטש. דער געזעץ איז א גאר וויכטיגע טריט ביים זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער האט די אינפארמאציע וואס זיי דארפן צו קענען מאכן קלוגע באשלוסן איבער זייער קאריערע, פלעגנדיג אן אטמאספערע וואו גלייכקייט איז נישט בלויז א ווירדע נאר א טעגליכע רוטין."

דער געזעץ פארלאנגט אז אלע דזשאב, פעדערונג און טראנספער געלעגנהייטן וואס ווערן כאטש טיילווייז געטוהן פיזיש אין ניו יארק סטעיט צו ארייינרעכענען פון וויפיל ביז וויפיל די באצאלונג אויף רעקלאמעס.

דאס גייט ארויף אויף סיי וועלכע געלעגנהייטן וועלכע ווערן געטוהן אינדרויסן פון די סטעיט, אריינרעכענענדיג געלעגנהייטן צו ארבעטן פונדערווייטנס אדער דורך די טעלעפאן, אויב זיי באריכטן צו אן אויפזעהער, אפיס אדער אנדערע ארבעטספלאץ אין ניו יארק סטעיט. די אינפארמאציע איבער די באצאלונג דארף באשטיין פון די מינימום און מאקסימום יערליכע געהאלט אדער באצאלונג פער שעה וואס איז ארנטליך געגלויבט צו זיין אקוראט ביי די צייט ווען די רעקלאמע ווערט ארויסגעלייגט. ארבעטסגעבער מוזן אויך קלאר ארויסשרייבן אויב די פאסטן ווערט באצאלט דורך קאמישען. דער געזעץ צייכנט אפ א באדייטנדע טריט אין ריכטונג פון אויסגלייכן געלעגנהייטן פאר יעדן, פארזיכערנדיג אז ארבייטער האבן צוטריט צו קריטישע באצאלונג אינפארמאציע און זיי באפולמעכטיגנדיג צו מאכן קלוגע באשלוסן איבער זייערע קאריערעס.

[א באצאלונג אפנקייט אינפארמאציע בלאט און דאקומענט מיט אפט-געפרעגטע פראגן] זענען פארעפנטליכט אויף די NYSDOL וועבזייטל מיט נאך אינפארמאציע און אנווייזונגען איבער דעם נייעם געזעץ. פארגעשלאגענע רעגולאציעס פאר דעם נייעם געזעץ זענען פובליצירט געווארן אין די סטעיט רעדזשיסטער אום סעפטעמבער 13, 2023. די פובליק האט 60 טעג צו איבערקוקן און איבערלאזן קאמענטארן אויף די רעגולאציעס.

גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו שטופן פאר אפנקייט, יושר און גלייכקייט ביי די ארבעטספלאץ איז ווידערהאלט געווארן דורך א לעצטיגע באריכט פון די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט איבער די חילוק אין געהאלט צווישן מענער און פרויען (די 'ווענדזש געפ'). די באריכט האט אנגעדייטעט אז פרויען אין ניו יארק'ס ארבעטסקראפט האבן פארדינט 88.2 צענט פאר יעדע דאלאר פארדינט דורך מענער אין 2021.

אלס טייל פון די אינפארסירונג פון דעם באצאלונג אפנקייט געזעץ, האט די NYSDOL די אויטאריטעט צו זיכער מאכן אז דער געזעץ ווערט אויסגעפאלגט, און מענטשן ווערן געמוטיגט צו אריינגעבן קאמפלעינטס אויב דזשאב רעקלאמעס אנטהאלטן נישט די אינפארמאציע איבער די געהאלט. די NYSDOL איז פארפליכטעט צו שטרענג אינפארסירן דעם געזעץ און באשטראפן די ארבעטסגעבער וועלכע פארזאגן זיך פון אויספאלגן.

די NYSDOL וועט אקטיווערהייט ארבעטן מיט פארמישטע קערפערשאפטן און ארויסגעבן בייהילפיגע אנווייזונגען צו אויפקלערן 500,000 ביזנעסער, ארבייטער און מענטשן וואס זוכן דזשאבס אזוי ווי עס פירט דורך די פובליק אַוטריטש קאמפיין וואס איז פארלאנגט דורך דעם נייעם געזעץ. נאך א תקופה פון קאנצענטרירטע באמיאונגען צו אנקומען צו ביזנעסער וועט די דעפארטמענט זיך באנוצן מיט אינפארמאציע פון קאמפלעינטס צו באשטימען אויב עס זענען דא איבערגעחזר'טע פארלעצונגען אין געוויסע אינדוסטריעס אדער אין געוויסע ראיאנען פון די סטעיט.

גאווערנער האקול פארבלייבט פארפליכטעט צו שטיצן ארבייטער אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט און האט אונטערגענומען עטליכע לעצטיגע שריט צו פארברייטערן באשעפטיגונג געלעגנהייטן, צו פארשטערקערן ארבייטער'ס רעכטן און צו באשיצן ארבייטער פון אביוז און פון ווערן אויסגענוצט דורך זייערע ארבעטסגעבער. א ליסטע פון לעצטיגע אויפטואונגען פאר ארבייטער איז פארעפנטליכט [דא].

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן